אויף די, וואָס מאַכן אָן מחלוקות און מכשולים להיפך
צו דעם לערנען, וואָס איר זענט געלערנט געוואָרן;
18 און מיידט זיי אויס. וואָרום אַזעלכע מענטשן דינען
ניט אונזער האַר משיח, נאָר זייער אייגענעם בויך;
און דורך שיינע און גלאַטע רייד פאַרפירן זיי די
19 הערצער פון די פשוטע מענטשן. וואָרום אייער
געהאָרכזאַמקייט איז אַלעמען באַקאַנט. דעריבער פריי
איך מיך איבער אייך; נאָר איך וויל, אַז איר זאָלט
זיין חכמים וואָס שייך דעם גוטן און תמימים וואָס
20 שייך דעם שלעכטן. און דער ג־ט פון שלום וועט
אין גיכן צעטרעטן דעם שטן אונטער אייערע פיס.
זאָל דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח זיין
מיט אייך אַלעמען.
21 טימאָטעאוס, מיין מיטאַרבעטער, און לוקיוס און
יאַזאָן און סאָסיפּאַטער, מיינע קרובים, גיבן אייך
22 אָפּ שלום. איך, טערציוס, דער שרייבער פון דעם
23 בריוו, גיב אייך אָפּ שלום אינם האַר. גאַיוס,
וועמעס גאַסטפריינטשאַפט איך און די גאַנצע קהלה
געניסן, גיט אייך אָפּ שלום. עראַסטוס, דער שטאָט־
פאַרוואַלטער און קוואַרטוס דער ברודער, גיבן אייך
24 אָפּ שלום. דער חסד פון אונזער האַר ישוע המשיח
זאָל זיין מיט אייך אַלעמען. אמן.
25 צו אים אָבער, וואָס קען אייך שטאַרקן לויט מיין
בשורה טובה און דעם רוף פון ישוע המשיחן, לויט
דער אַנטפּלעקונג פון דעם סוד, וואָס איז געווען
26 פאַרשוויגן פון אייביקע צייטן אָן, איז אָבער איצט
נתגלה געוואָרן, און דורך די שריפטן פון די
נביאים אויף באַפעל פונם אייביקן ג־ט באַקאַנט
געמאַכט צו אַלע פעלקער צו דער געהאָרכזאַמקייט
27 פון דער אמונה; צו ג־ט דעם איינציקן חכם זאָל זיין
כבוד דורך ישוע המשיחן לעלמי עולמים! אמן.